nystateofhealth
The Official Health Plan Marketplace

פאקט בלאט

## שנעלע פאקטן אויף
# Essential Plan דער

## וואס איז דער Essential Plan?

א העלט פלאן פאר ניו יארקער. עס קאסט פיל ווייניגער ווי אנדערע העלט פלענס. און עס אפערט די זעלבע עסענשל בענעפיטן.

## ווער קען עס קויפן?

נידריגע-אינקאם מענטשן וואס זענען נישט בארעכטיגט פאר Medicaid אדער Child Health Plus.

| הויזגעזינד מאס | די מערסטע וואס איר קענט מאכן |
|---|---|
| 1 | $24,980 |
| 2 | $33,820 |
| 3 | $42,660 |
| 4 | $51,500 |

## וויפיל קאסט עס?

$20 אדער פער מענטש – ווייניגער ווי א דאלער א טאג, אדער גארנישט.

## ווי אזוי נאך שפארט עס געלט?

עס האט נישט קיין שום דידאקטיבל, דערפאר הויבט דער פלאן אן זאפארט צו באצאלן אייער העלט קעיר.

איר באקומט אומזיסטע פארמיידנדע קעיר אזוי ווי רוטינע אונטערזוכונגען און סקרינינגס אייך צו האלטן געזונט.

## וואס דעקט דער Essential Plan?

די זעלבע סערוויסעס וואס ווערן געדעקט דורך אנדערע פלענס, אריינגערעכנט:

- דאקטער באזוכן, אריינגערעכנט ספעציאליסטן
- טעסטס וואס אייער דאקטער באשטעלט
- פרעסקריפשאן מעדיצינען
- אינפעישאנט און אוטפעישאנט קעיר ביי א שפיטאל
- און נאך.

## ווי אַזוי נעם איך אָנטייל?

nystateofhealth.ny.gov

אָדער

1-855-355-5777 אדער
TTY 1-800-662-1220

אָדער

דורך אומזיסטע פערזענליכע הילף פון א סערטיפייד געהילף נעבן אייער היים אדער ארבעטספלאץ.

## קענט איר מיר העלפן אין מיין אייגענע שפראך?

הילף איז אוועילעבל אין אייער שפראך דורכן טעלעפאן אדער פערזענליך.

## ווען קען איך זיך איינשרייבן?

איינשרייבונג פאר די Essential Plan איז אפן א גאנץ יאר.

NY State of Health קומט נאך אלע גילטיגע פעדעראלע ציווילע רעכטן געזעצן און סטעיט געזעצן, און דיסקרימינירט נישט באזירט אויף ראסע, קאליר, נאציאנאלע אפשטאם, קריד\רעליגיע, מין, עלטער, הייראט\פאמיליע סטאטוס , דיסאביליטי, ארעסט רעקארד, קרימינאלע קאנוויקשאן(ס), דזשענדער אידענטיטעט, געשלעכטליכע אריענטאציע, פרידיספאזיגע גענעטישע כאראקטעריסטיק, מיליטערישע סטאטוס, דאמעסטישע געוואלדטאטן קרבן סטאטוס און\אדער נקמה.